UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
Integrale Yidishkayt (Rand Bamerkungen Vegn Tsentraler Ideye) / Integral Yiddishkayt (Marginal Observations About The Central Idea)

## Permalink
https://escholarship.org/uc/item/3s67f556

## Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 91(1)

## Author
Dr. Ezriel Nox:, Dokter Ezriel Naks /

## Publication Date
1978

## Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

ד״ר עזריאל נאַקס / ניו־יאָרק

# אינטעגראַלע יידישקייט

(ראַנד־באַמערקונגען וועגן אברהם גאָלאָמבס צענטראַלע אידעע)

1.

צו די ניינציק יאָר זיינע איז פאַרשטענדלעך אַז מיר זאָלן אברהם גאָלאָמבן ווינטשן לויטן טראַדיציאָנעלן נוסח, עד מאה ועשרים, לפּחות נאָך אַ סך גוטע און גליקלעכע יאָר. געבענטשט איז דער מענטש וואָס אין אָט־דעם שיינעם עלטער איז ער נאָך אַלץ שפּעדיק אין זיין שעפערישקייט, און סיי דאָס האַרץ און סיי דער מוח זיינען ביי אים וואַך, און ער נעמט אויף דעם פולן דיאַפּאַזאָן פון יידישער עקזיסטענץ אין אירע דינסטע טענער און פאַרשיידנמיניקסטע וואַריאַציעס. דאָס איז אַ ספּעציעלע ברכה וואָס ווייניק זיינען צו דעם זוכה.

וואָס פאַר אַ קראַנץ בלומען מען זאָל אַברהם גאָלאָמבן ניט צוטראָגן, איז די פּרעכטיקסטע בלום אָט־דאָס וואָס ער איז תמיד געווען ער, געטריי זיך אַליין. אין פלוג דוכט זיך, אַז אַדרבא, וואָס קאָן זיין גרינגער, אַז ס'איז דאָך ממש אַ טאַווטאָלאָגיע — אַ מענטש איז דאָך דאָס וואָס ער איז. אין דער אמתן איז עס זייער אַ האַרבע עובדה, און פאַראַן דערביי צוויי דימענסיעס: ראשית, הייסט עס זיין געטריי די אידעען און אידעאַלן וואָס זיינען איינעם טייער, און וואָס אָן זיי פעלט אינהאַלט און זין אין לעבן; שנית, הייסט עס זיין געטריי זיך אַליין, פאַרווירקלעכן — אין די גרענעצן פון אונדזערע מעגלעכקייטן — די פעיקייטן און טאַלאַנטן וואָס זיינען אין אונדזער רשות.

אייגנטלעך קאָן מען די צוויי דימענסיעס ניט פאַנאַנדערטיילן; ס'איז דאָ אַ ריטמישע, אַ דיאַלעקטישע, שייכות צווישן זיי. די אידעען און אידעאַלן זיינען „אָביעקטיוו", געהערן צום כלל, מען קאָן זיי אויסרעכענען און אָנווייזן אויף זיי. און פון דעסטוועגן זיינען זיי אין דער בחינה פון רוי־מאַטעריאַל, און דער יחיד דאַרף זיי פאַרוואַנדלען אין אַ יש, ווענדליק זיין געמיט, זיינע גייסטיקע השגות, ווענדליק דעם איכות פון זיין נשמה, פון זיין שכל און דמיון. די אידעען און אידעאַלן זיינען דער ניגון, און ער מוז צושטעלן די ווערטער. די שייכות איז אַ דיאַלעקטישע: די אידעען און אידעאַלן וואָס איינער קלייבט אויס זיינען משפּיע אויף זיין כאַראַקטער, שפּילן אַ ראָלע אין דער פאָרמירונג פון זיין „איך"; ס'איז אָבער באַשיימפּערלעך אַז אונדזער „איך", אַז דער מהות פון אונדזער כאַראַקטער איז גורם מיט וואָס פאַר אַ אידעען און אידעאַלן מיר זיינען זיך מתייחד.

איך הייב אָן מיט דעם רעיון, מיט אַזאַ אַלגעמיינער באַמערקונג, מחמת איך וויל באַשטעטיקן אַז דער מענטש אַברהם גאָלאָמב, וואָס שרייבט און רעדט וועגן אינטעגראַלער יידישקייט, איז אַן אינטעגראַלער, אַ שלמותדיקער מענטש. איך באַנוץ ניט דעם אויסדרוק: אינטעגראַלער ייד, נאָר דווקא אינטעגראַלער מענטש, וואָרעם ביי אַברהם גאָלאָמב, ווי ביי אונדזערע טאַטעס און זיידעס, איז זיין ייד דאָס זעלביקע ווי זיין מענטש. „ער איז אַ שיינער מענטש", האָט אַמאָל געמיינט אַז מען איז אַ גוטער ייד. די צוויי ווערטער — ייד, מענטש — זיינען ביי אונדזערע באָבעס און זיידעס געווען סינאָנימען, אָדער פּינקטלעכער, ייד, האָט כולל געווען אין זיך מענטש; אויב איינס פון די צוויי ווערטער איז געווען ברייטער איז עס געווען ייד, און ממילא איז מענטש געווען אַ פּרעדיקאַט פון טערמין ייד. חיים זשיטלאָווסקי האָט עס פאַרטייטשט אָט אַזוי: וואָס מער ייד אַלץ מער מענטש, וואָס מער מענטש אַלץ מער ייד. אינעם ליכט פון גאָלאָמבס אינטעגראַלער יידישקייט איז ניט נייטיק די צווייטע העלפט פון זשיטלאָווסקיס דעוויז. גאָלאָמבס באַגריף איז נענטער צו פּרצעס נביאישער דערקלערונג: „מיר דאַרפן זען די גאַנצע וועלט, אָבער זען זי מיט יידישע אויגן."

יאָ, אברהם גאָלאָמב איז געווען געטריי זיך אַליין, און מחמת דעם האָט ער זיך דערגרונטעוועט צו דער שיטה וואָס ער רופט אָן אינטעגראַלע יידישקייט. ער איז געווען ע ר, און האָט ניט פאַרשעמט זיך אַליין. בכן מאַכט עס ניט אויס צי מען איז דורכויס מסכים מיט זיין שיטה צי ניט.

ווי איינער וואָס איז געווען געטריי זיך אַליין, ווי אַ לערער און אַ מורה־דרך, קאָן ער זיין אַ מוסטער, און ערשט נאָך דעם איז בסדר צו אַנאַליזירן זיין מחשבה, אַריינגעצויגן אין איר תוך.

## 2.

פאַר אַזעלכע וואָס ווען אפשר טענהן אַז די פראַזע אינטעגראַלע יידישקייט קלינגט פרעמד, לאָזט זי זיך „איבערזעצן" אָט אַזוי: דער עקוויוואַלענט פון אינטעגראַלער יידישקייט, ווערדליק דער היינטיקער שטימונג, שליסט איין דריי אַספּעקטן פון יידישקייט: עם ישראל, מדינת ישראל, כנסת ישראל. צוליב כמה וכמה טעמים איז גאָלאָמבס אויסדרוק טרעפלעכער, ס'איז קירצער, קאָמפּאַקטער; און „יידישקייט", הגם איין וואָרט, איז אַ סינטעז, איז אַ געוועב אין וועלכן עם ישראל, מדינת ישראל, כנסת ישראל זיינען אוממיטלבאַר אַריינגעפלאָכטן און דורכגעפלאָכטן, אָן דעם ביישטראָך און פונקטואַציע, וואָס ביי קנאים הערט עס אויף צו זיין אַ צייכן אין פונקטואַציע און ווערט אַ וואַנט וואָס שיידט אָפּ.

נו, געוויס זיינען פאַראַן אַזעלכע ביי וועמען מדינת ישראל, „דאָרטיקייט", איז גענוג; און אַזעלכע ביי וועמען עם ישראל, „דאָיקייט", קולטור־נאַציאָנאַליזם, שעפּט אויס זייערע התחייבותן צום פאָלק; און לײדער פאַרגרעסערט זיך די מחנה פון רעליגיעזע יידן ביי וועמען כנסת ישראל — דת און דין — ווערן אָפּגעזונדערט פון דער טאָג־טעגלעכער עקזיסטענץ פון פאָלק, אויסגעליידיקט פון שטייגער, פון אַן אייגענעם און אויטענטישן סטיל. מען דאַרף דערפון ניט לערנען פשט אַז עס מוז אַזוי זיין. ס'איז ניטאָ קיין שום אינערלעכע סיבה פאַרוואָס דער ביישטראָך צווישן עם־ישראל, מדינת ישראל און כנסת ישראל זאָל טאַקע זיין בלויז אַ צייכן אין פונקטואַציע און ניט אַ „מעטאַפיזישע" מחיצה. נאָר וואַס־זשע דען, דער צימצום־דיקער אויסדרוק אינטעגראַלע יידישקייט מיידט אויס על־פי דעפיניציע די סברא פון אַזאַ מין מחיצה.

עם ישראל, מדינת ישראל, כנסת ישראל — דאָס זיינען דריי אַספּעקטן פון זיין אַ ייד כלפי פנים, אין די גרענעצן פון אונדזער אומה. מיר זיינען בירגערס פון אַ סך לענדער, מוזן מיר דאָך באַשטימען וואָס אַזוינס אונדזער באַציונג זאָל זיין צו דער אַרומיקער סביבה, און אויב מיר זיינען בטוח אַז יידישקייט איז אַ טאָטאַלע ציוויליזאַציע, באַקומט זיך די פראַגע: וואָס איז די פאַרהעלטעניש צווישן אונדזער ציוויליזאַציע און דער ציוויליזאַציע פון די לענדער ווו מיר זיינען בירגערס, ווו מיר וווינען, און אין אַלגעמיינער ראַם, פון דער מערב־אייראָפּעישער קולטור?

סיידן איך בין זיך טועה אין מיין פירוש אויף גאָלאָמבס אינטעגראַלער יידישקייט, לאָזט זיך די פראַגע ענטפערן אויף דעם אופן: עס זיינען פאַראַן אַ צאָל ברירות, און דווקא אין שיין פון אינטעגראַלער יידישקייט קאָן מען משיג זיין וועלכע ברירות טויגן יאָ און וועלכע טויגן ניט. 2 ברירות קאָן מען תיכף אָפּפּטרן: איינע: אַז מען דאַרף זיין בלויז ייד, אָן וועלכער ס'איז מגע־ומשא מיט דער דרויסנדיקער וועלט; דער אַנדער פּאָלוס — אַז מען זאָל זיין בלויז אַמעריקאַנער אָדער סתם מענטש. ביידע האָבן ניט קיין יסוד אין דער געזעלשאַפטלעכערווירקלעכקייט און ממילא זיינען זיי אומלאָגיש און אומעטיש.

אַ דריטע תשובה אויף אָט דער פראַגע זעט אויס אויבנאויף צו זיין די ברענגדיקסטע און פּראַקטישסטע, אָבער ס'איז אַן אילוזיע: לויט דער תשובה דאַרפן יידן מקבל־באהבה זיין דעם פאַקט וואָס זיי לעבן אין צוויי ציוויליזאַציעס, און דאַנקען דעם אויבערשטן וואָס ס'איז זיי באַשערט אַזאַ גינסטיקע מערכה. מען פאַרגעסט אָבער דערביי אַז ס'איז ניט קיין שותפות צווישן גלייכע, אַז להיפוך דער מעשה אין חומש וועגן פרעהס זיבן מאָגערע קי וואָס האָבן אויפגעגעסן די זיבן פעטע קי, איז

דאָ די קאָניוקטור אַזאַ אַז די פּעטע קי, לדוגמא, די אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע — שליגנען אין די מאָגערע קי, די יידישע ציוויליזאַציע. אָן אַן אייגענעם לשון, אָן ראַיעלע מנהגים, אָן אַ שטייגער אין דער היים און אין גאַס, אַ מיעוט אין דער באַפעלקערונג — אַנטקעגן אַזאַ הינטערגרונט איז עס די קווינט־עסענץ פון באַיווקייט צו גלויבן אַז דאָס איז אַ סגולה פאַר אונדזער קיום.

וואָס־זשע איז פאַרט דער אויסוועג? דאָס פירט אונדז צוריק צום געדאַנק פון אינטעגראַלער יידישקייט. ס'איז פאַראַן אַ קרובהשאַפט צווישן אינטעגראַלער יידישקייט און דער ערשטער פון די ברירות: דער געבאָט צו זיין בלויז ייד. אָבער דער חילוק איז מכריעדיקער ווי די קרובהשאַפט. ס'איז ניט: „זיי בלויז ייד", מיט אַ פּינטל וואָס פאַרענדיקט דעם זאַץ. דער אימפּעראַטיוו פון אינטעגראַלער יידישקייט — ווידער, אויב איך בין זיך ניט טועה — איז: „זיי אַ ייד", מיט אַ צוויי־פּינטל, וואָס מיינט, וועדליק די תקנות פון פּונקטואַציע, אַז דער זאַץ האָט זיך ניט פאַרענדיקט, אָבער אַז דאָס וואָס קומט נאָך דעם ציט יניקה פון דעם פריערדיקן אין זאַץ, האָט אַ טעם און באַטייט מחמת דעם פריערדיקן. ס'איז פּרצעס חזיון אויף דאָס ניי: זיין אַ ייד הייסט זען די גאַנצע וועלט, אָבער זען זי מיט יידישע אויגן; זיין אַ ייד הייסט לייענען די וועלט — ניט נאָר אַ ספר — פון רעכטס אויף לינקס.

ס'איז גאָלאָמבס ריזיקער און דויערנדיקער פאַרדינסט וואָס ער האָט קאָנקרעטיזירט די טעאָריע פון אינטעגראַלער יידישקייט, האָט אַריינגעאָטעמט אין איר דעם רוח החיים, און האָט אָנגעוויזן, מיט אַ שלל פּרטים, ווי אַזוי די טעאָריע — דער חלום פון אינטעגראַלער יידישקייט — קאָן ווערן וואָר. ער האָט אַ וואָרט פאַר דעם: אַקטואַליזאַציע. אינטעגראַלע יידישקייט איז אַ מאָנונג צו מעשים, צו מצוות: אַ היים מיט ספרים, בילדער, געזאַנג; חינוך פון קינדער און דערוואַקסענע; אַ היים מיט שבת און יום־טוב; ווו די מידה פון צדקה ווערט ניט פאַרמינערט, ווו מען היט אָפּ און מען איז ממשיך יידיש־לשון.

## 3.

אַברהם גאָלאָמב באַלייכט פאַר אונדז אינטעגראַלע יידישקייט, און ווי אַ געניטער אַרכיטעקט לייגט ער פאַר אונדז אויס דעם פּלאַן. ער שילדערט פאַר אונדז דעם בנין פון אינטעגראַלער יידישקייט — דעם היכל הנגינה — און ס'איז זיין כוונה מצרף צו זיין אונדז צום מנין, געצכפלט אויף צענדליקער טויזנטער. ער איז זיך מתעסק מיט דעם ווי־אַזוי פון אינטעגראַלער יידישקייט. ס'איז איצט ניט די געלעגנהייט און ניט דאָס אָרט זיך צו פאַרטיפן אין דעם פאַרוואָס פון אינטעגראַלער יידישקייט, פון אונדזער נאַציאָנאַל־גייסטיקן קיום. כ'וויל ביי דער געלעגנהייט בלויז אָנמערקן, „רעגיסטרירן", מיין איבערציינונג אַז אָן דעם פאַרוואָס וועט דער ווי־אַזוי ניט האָבן קיין האַפט. דער תנ"ך האָט באַהאַלט דעם פאַרוואָס פון אונדזער עקזיסטענץ, און דער תלמוד — די הלכה — האָט אויסגעשמידט דעם ווי־אַזוי. גאָלאָמב דערהייבט דעם תלמוד, וואָס דאָס איז גוט, אָבער אויפן חשבון פון דעם תנ"ך, וואָס דאָס איז ספקדיק. אָן דעם פאַרוואָס וואָלט דער ווי־אַזוי געווען ווי אָפּגעשניטענע בלומען און וואָלט גאָר גיך פאַרוועלקט.

גאָלאָמב האַלט אַז ביי אונדז איז דאָ אַ פאָלק־רעליגיע, ניט קיין גאָט־רעליגיע. ס'איז דאָך אָבער ניט צו פאַרלייקענען אַז דער תנ"ך, נאָך מתן תורה, אין דער תקופה פון די גרויסע נביאים, איז די שילדערונג פון אַ ליבע־ראָמאַן — אין פּאַסקאַלס וווּנדערלעכער פראַזע — צווישן אַ פאָלק און גאָט, און ס'איז אַ דיאַלאָג צווישן די נביאים און דעם פאָלק וועגן גאָט ווי דער פּרינציפּ פון יושר און חסד. אויב יידישקייט איז אַ פאָלקס־רעליגיע, איז עס ניט מער ווי סאָציאָלאָגיע, און די ימים־טובים און צערעמאָניעס אין יידישקייט זיינען פאָלקלאָר. כדי צו זיין אַן אומה, אָן אַן אייגענער ווירטשאַפט, אין אַן אייגענעם לאַנד, גערודפט צוליב זיין גאָט־באַגריף, מוז מען לכתחילה זיין מער ווי אַן אומה — אַן אומה מיט אַן אמונה. דעם ברית, דעם קשר, צווישן דער יידישער געשיכטע און דער יידישער אידעע (אַ בעסער וואָרט ווי „רעליגיע") טאָר מען ניט איבעררייסן; זיי זיינען צוזאַמען אויס־